**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/5/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**נייע ציפערן הייבן ארויס וויכטיגקייט פון גאווערנער האקול'ס פלאן צו צושטעלן אוניווערסאלע טשיילד קעיר אריבער די סטעיט פאר מיליאנען פון ניו יארקע פאמיליעס**

***אפאָרדעבעל טשיילד קעיר איז א יסודות'דיגע כלי אין די קאמף צו שאפן א מער אפאָרדעבעל, בליהענדע ניו יארק פאר ארבעטנדע פאמיליעס***

***גאווערנער'ס פארשלאג איז א טאפלטע בענעפיט פאר פאמיליעס: צושטעלנדיג פארלעסליכע קעיר בשעת'ן שטיצן עקאנאמישע און אפארדעביליטי באמיאונגען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אונטערגעשטרייכט די וויכטיגקייט פון איר פלאן צו צושטעלן אוניווערסאלע טשיילד קעיר פאר קינדער אונטער פינף יאר אלט אריבער די סטעיט דורכן ארויסהייבן די קשר צווישן אוניווערסאלע, אפאָרדעבעל טשיילד קעיר און א מער אפאָרדעבעל און בליהענדע סטעיט. Women in Need (Win) פרעזידענט, Christine Quinn (קריסטין קווין), האט זיך אנגעשלאסן מיט גאווערנער Hochul (האקול) זיך צו טרעפן מיט פאמיליעס וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט צו רעדן איבער די שוועריגקייט פון טרעפן אפאָרדעבעל טשיילד קעיר אפציעס און איבער וויאזוי אוניווערסאלע טשיילד קעיר קען אראפנעמען א באדייטנדע פינאנציעלע לאסט פון די פאמיליעס און אנדערע ארום די סטעיט.

"מיין אדמיניסטראציע איז פולשטענדיג קאנצענטרירט אויף צו מאכן דאס לעבן מער אפאָרדעבעל און באקוועם פאר ניו יארקער — און דאס איז גענוי פארוואס דאס אויסברייטערן צוטריט צו אפאָרדעבעל טשיילד קעיר איז א הויפט פריאריטעט פאר מיר שוין זינט דעם ערשטן טאג", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "פאר צופיל פאמיליעס פון אלע שיכטן און קרייזן, לייגט די מאסיווע קאסט פון טשיילד קעיר ארויף א גאר שווערע וואג אויף זייערע חודש'ליכע בודזשעטס. אוניווערסאלע טשיילד קעיר גיבט פאר אלע פאמיליעס די טשאנס צו בליהען — אפגעזעהן פון זייער איינקונפט סטאטוס אדער געגנט. עס קומט זיך פאר יעדן ניו יארקער צו האבן א דאך איבערן קאפ, א מאלצייט אויפן טיש און א זיכערע פלאץ צו אויפציהען זייערע קינדער."

**Win פרעזידענט און CEO, Christine C. Quinn (קריסטין סי. קווין), האט געזאגט,** "דאס עררייכן אוניווערסאלע טשיילד קעיר פאר אונזערע שוואכסטע פאמיליעס איז קריטיש צו לייזן ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע היימלאזיגקייט קריזיס. מיר וויסן אז עלטערן קענען נישט ברענגען פרנסה פאר זיך און זייערע פאמיליעס אויב זיי קענען נישט גיין צום ארבעט, און זיי קענען נישט גיין צום ארבעט אויב זיי קענען נישט באקומען זיכערע, פארלעסליכע און אפאָרדעבעל טשיילד קעיר. היינט זענען דא מער קינדער וואס שלאפן אין ניו יארק סיטי'ס היימלאזע שעלטערס פון זיצן אין די Yankee סטאדיום, און 3,600 קינדער שלאפן אין Win שעלטערס יעדע נאכט — דאס איז א טראגעדיע. מיר האבן פארעפנטליכט די באריכט צו אויפדעקן די שרעקליכע מציאות אז נישט-צוגענגליכע טשיילד קעיר איז א הויפט סיבה וואס פירט צו האוזינג אומסטאביליטעט פאר עלטערן וואס וואוינען אין שעלטערס. עס קומט זיך נישט פאר קיין איין עלטערן צו דארפן מאכן די אויסוואהל צווישן זיך אפגעבן מיט זייער קינד און פארדינען א געהאלט."

עס איז דא א קלארע קשר צווישן עקאנאמישע אומסטאביליטעט און צווישן א מאנגל אין צוגענגליכע, אפּאָרדעבעל טשיילד קעיר. לויט ציפערן וואס זענען פארעפנטליכט געווארן היינט דורך Win, האבן 78 פראצענט פון די וועלכע זענען אויסגעפרעגט געווארן – ניו יארקער וועלכע וואוינען אין Win איינריכטונגען, באזונדערס פאמיליעס מיט קינדער – געהאט איין אדער מער סארטן שטערונגען צו זייער דזשאב צוליב שוועריגקייטן מיטן צוקומען צו טשיילד קעיר. דאס רעכנט אריין פארלירן א דזשאב, דארפן מוותר זיין אויף א פעדערונג ביים ארבעט אדער רעדוצירן ארבעט שעה'ן.

די ציפערן שטרייכן אונטער די וויכטיגקייט פון די גאווערנער'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג צו צושטעלן אפּאָרדעבעל, אוניווערסאלע טשיילד קעיר פאר קינדער אונטער פינף יאר אלט אריבער ניו יארק סטעיט.

פריער די וואך, האט גאווערנער Hochul (האקול) זיך אנגעשלאסן מיט מעיאר Mamdani (מאמדאני) צו אנאנסירן א ריזיגע טריט פאראויס אין זייער פלאן צו צושטעלן אומזיסטע טשיילד קעיר פאר צוויי-יעריגע קינדער אין ניו יארק סיטי. די [וויכטיגע דערגרייכונג](#) איז ערמעגליכט געווארן דורך די גאווערנער'ס היסטארישע 1.2 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן פריע טשיילד קעיר און פריע עדזשוקעישען באמיאונגען אין ניו יארק סיטי, וואס רעכנט אריין א באדייטנדע צוגעטיילטע סומע פון 73 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן די ערשטע 2,000 2-K פלעצער אין די סיטי. אין צוגאב צו די סטעיט'ס עקזיסטירנדע פארפליכטונג צו פארשטערקערן די סיטי'ס K3 אינפראסטרוקטור צו באדינען אלע פאמיליעס אריבער די סיטי. מיט אנגייענדע סטעיט שטיצע, איז די סטעיט'ס אינוועסטירונג אין K2 ערווארטעט צו וואקסן צו 425 מיליאן דאלאר ביז דעם קומענדיגן יאר.

**מאנהעטן באראו פרעזידענט, Brad Hoylman-Sigal (בּרעד האָילמאן-סיגעל), האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול), מעיאר Mamdani (מאמדאני) און Christine Quinn (קריסטין קווין) פארן ציהען אויפמערקזאמקייט צו די קלארע קשר צווישן צוטריט צו טשיילד קעיר און פאמיליע היימלאזיגקייט. Win'ס באריכט מאכט דאס קלאר אז ווען עלטערן קענען נישט טרעפן אדער זיך ערלויבן פארלעסליכע טשיילד קעיר, ווערט דאס פיל שווערער צו האלטן א דזשאב, היטן אויף סטאביליטעט און ארויסנעמען זייערע פאמיליעס פון שעלטער. אין מאנהעטן, וואו קעיר פאר בעיביס קען קאסטן $25,000 ביז $30,000 א יאר, איז די לאסט ספעציעל שווער. גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט און איר פארפליכטונג צו אויסברייטערן צוטריט צו טשיילד קעיר וועט האבן אן עכטע פאזיטיווע השפעה פאר ארבעטנדע פאמיליעס און העלפן מער עלטערן פארזיכערן די סטאביליטעט וואס קומט זיך פאר זייערע קינדער."

די גאווערנער'ס סטעיט-ברייטע פלאן רעכנט אויך אריין:

**<u>פארזעצן צוטריט צו ביליגע, אפּאָרדעבעל טשיילד קעיר הילף פראגראמען</u>**

אונטער גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, האט ניו יארק מער פון געטאפלט איר אינוועסטירונג אין די סטעיט'ס טשיילד קעיר הילף פראגראם ( Child Care Assistance Program, CCAP), וואס שטעלט צו סובסידיעס צו העלפן פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט צוקומען צו טשיילד קעיר. דורך דראמאטיש העכערן די סטעיט'ס אינוועסטירונגען אין די פראגראם בשעת'ן אויסברייטערן בארעכטיגונג, טוט די פראגראם יעצט שטיצן 2.5 מאל אזויפיל קינדער — נאך 100,000 — פון ווען גאווערנאר Hochul (האקול) איז אריין אין אפיס; די צאל קינדער סערווירט איז ארויף מיט כמעט 25 פראצענט בלויז אין די פארגאנגענעם יאר. רוב פון די פאמיליעס פון די 170,000 קינדער סערווירט דורך די פראגראם באצאלן נישט מער ווי 15 דאלאר א וואך פאר טשיילד קעיר.

דאס יאר, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) פארזעצן מיט'ן אויסברייטערן די סטעיט'ס אינוועסטירונגען אין טשיילד קעיר סאבסידיס פאר די וואס דארפן עס די מערסטע מיט א געהעכערטע אינוועסטירונג פון 1.2 ביליאן דאלאר, ברענגנדיג די סך הכל וואס ווערט צוגעשטעלט פאר סאבסידיס צו איבער 3 ביליאן דאלאר. דאס איז מער ווי 3.5 מאל מער ווי די 832 מיליאן דאלאר וואס איז געווען צו באקומען פאר די גאווערנאר איז אריין אין אפיס, און איז העכערונג פון כמעט 40 פראצענט פון וואס מען האט צוגעשטעלט אין די איינגעפירטע בודשעט פאר די 2026 פינאנציעלע יאר.

## עררייכן באמת אוניווערסאלע פרי-קינדערגארטן

אין די צייט וואס פיר-יעריגע קינדער אין געוויסע טיילן פון ניו יארק האבן שוין פון לאנג געהאט צוטריט צו פרי-קינדערגארטן, זענען דא צענדליגע סקול דיסטריקטס וועלכע האבן דאס נאכנישט געקענט ערמעגליכן. גאווערנער Hochul (האקול) טוט צושטעלן נאך שטיצע צו פארזיכערן באמת אוניווערסאלע פרי-קינדערגארטן פאר אלע פיר-יעריגע קינדער אין די סטעיט ביז די אנהויב פון די 2028-2029 שולע יאר.

די סטעיט וועט נישט נאר פינאנצירן נאך זיצן צו עררייכן דאס האבן א פלאץ פאר אלע קינדער, נאר עס וועט אויך פארמערן פינאנצירונג פאר עקזיסטירנדע זיצן, זיי העכערנדיג צו זיין אדער $10,000 אדער די באטרעפנדע סקול דיסטריקט'ס יעצטיגע אויסדערוועהלטע פאַונדעישען עיד פער קינד – די העכערע סומע פון די צוויי – כדי דיסטריקטס זאלן האבן וואס זיי דארפן צו קענען צושטעלן פרי-קינדערגארטן פון א הויכע קוואליטעט. די געלטער צוזאמען שפיגלען אפ א פארפליכטונג פון בערך א האלבע ביליאן דאלאר און וועלן זיכער מאכן אז יעדעס קינד אין ניו יארק סטעיט גייט אריין אין קינדערגארטן גרייט צו לערנען.

## אוועקשטעלן נייע שעפערישע פראבע פראגראמען מיט קאונטיס אריבער די סטעיט

אין 2026, איז גאווערנער Hochul (האקול) ארויסגעקומען מיט א נייער סטעיט פראבע פראגראם ארבעטנדיג בשותפות מיט דאָטשעס קאונטי, מאנראו קאונטי און ברוּם קאונטי צו העלפן קאונטיס אפפערן נאך טשיילד קעיר אפציעס אין זייערע קאמיוניטיס. דער פראבע פראגראם רעכנט אריין א סך הכל פון 60 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג, אין צוגאב צו נייע אינוועסטירונגען פון יעדע פון די דריי קאונטיס. די אינוועסטירונגען וועלן העלפן די קאונטיס אויסברייטערן צוטריט צו טשיילד קעיר, זיך באזונדערס קאנצענטרירנדיג אויף קינדער פון 0-3 יאר אלט דורך גאנציאריגע, פולע-טאגיגע קעיר פאר טויזנטע פאמיליעס אריבער די קאמיוניטיס, אפגעזעהן פון איינקונפט.

## אפיס פון טשיילד קעיר און פריע עדזשוּקעישען

א נייע אפיס פון טשיילד קעיר און פריע עדיוקעישען וועט אנפירן די איינפירונג פון הויכע-קוואליטעט, יוניווערסעל טשיילד קעיר אין ניו יארק סטעיט. די אפיס וועט שטיין איבער און שטיצן די איינפירונג פון יוניווערסעל פרי-K, אנגייענדע אינוועסטירונג אין K3, עפענונג פון 2-קעיר און אנדערע איניוואטיווע קעיר אפציעס, אויסברייטערונג און פארבעסערונג וואוטשערס, און אנגייענדע שטיצע פאר'ן ארבעטקראפט.

## שטיצן די ארבעטסקראפט דורכן אנגרייטן מחנכים פאר קליינע קינדער

גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פלאן צו פארשטערקערן ניו יארק'ס פריע יוגנט עדיוקעישען ארבעטקראפט רעכנט אריין אויסצוברייטערן עקזיסטירנדע ארבעטסקראפט סקאלערשיפס, זוכן געלעגנהייטן פאר נייע ארבעטסקראפט Pell גרענטס (Workforce Pell grants), און פאראדרעדענען SUNY און CUNY צו נעמען א צאל שריט צו אויסברייטערן און פארגרינגערן פריע יוגנט עדיוקעישען פראגראמען.

גאווערנער Hochul'ס (האקול) אדמיניסטראציע איז פולשטענדיג קאנצענטרירט צו עררייכן אפאָרדעבעל טשיילד קעיר פאר אלע פאמיליעס אין ניו יארק. נעמליך, האט די סטעיט שוין עררייכט:

מער פון טאפלט די צאל קינדער וועלכע ווערן באדינט דורך טשיילד קעיר וואוטשערס אין בלויז פיר יאר, מיט א כמעט 25 פראצענטיגע העכערונג אין די פארגאנגענע 12 חודשים אליין.
מער פון 8.6 ביליאן דאלאר צוגעשטעלט פאר טשיילד קעיר, אריינרעכענענדיג מער פון טאפלענדיג פינאנצירונג פאר סובסידיעס.

דראמאטישע אויסברייטערונג פון די צאל פאמיליעס וועלכע זענען בארעכטיגט דורכן העכערן די מאקסימאלע איינקונפט פון 200 פראצענט פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל (בערך $64,000 פאר א פאמיליע פון פיר נפשות) צו די מאקסימום וואס איז ערלויבט אונטער פעדעראלער געזעץ — 85 פראצענט פון די סטעיט-ברייטע מיטלגארטיגע איינקונפט (בערך $114,000 פאר א פאמיליע פון פיר נפשות).

א רעדוצירטע סומע וויפיל מענטשן וואס באקומען סובסידיעס באצאלן מיט א מאקסימום פון $15 פער וואך פאר רוב פאמיליעס.

געהעכערטע צוריקצאלונג ראטעס פאר פראָווײדערס מיט נאענט צו 50 פראצענט, העלפנדיג פראָווײדערס אנהאלטן איינגעשטעלטע און צושטעלן קעיר פון א הויכע קוואליטעט קעיר פאר קינדער אריבער די סטעיט.

צוגעשטעלטע שטיצע פאר די צוקונפטיגע שאפונג פון טויזנטע טשיילד קעיר זיצן און נייע צענטערן דורך מער פון 150 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן